# העפטן

פאר ליטעראטור און קריטיק

פנימי

## אינהאלט:

וועגן א צווייטן תנ"ך . . . . . אליעזר ווארצל
* * * (ליד) . . . . . . מאטל מרגלית
דאס שטעטל (פאעמע) . . . . . שלמה שיינהויט
אין שאטן פון מאראנצן=ביימער (רעפארטאזש) . יצחק גרובער
טראג מיך שיפל (ליד) . . . . . יהושע אלפעראוויטש
א גרוס דיר בערגלסאן פון שטעטל (ליד) . יאסל גראסבארד
חפצי=בה (ליד) . . . . . י. מאניק לעדערמאן
מומע זיסל (דערציילונג) . . . . . י. גרינבערג
נאטיצן
זרובבל 60 יאר אלט . . . . . די רעדאקציע

חיפה
1946
מערץ

מחברות

**העפטן**

ארויסגעגעבן פון דעם „יידישן קולטור-קרייז", חיפה

רעדאקטירט פון א רעדאקציע-קאלעגיע

# פון רעדאקציע

איצט, נאך דער גרויזאמער צייט, וואס דער פאשיזם האט אומגעבראכט א גרויסן טייל פון אונדזער פאלק מיט אירע קולטור-צענטערן און האט איבערגעלאזן בלויז רויכערדיקע חורבות, ווען אלע פעלקער פון דער וועלט טרעטן צו מיט באנייטע כוחות צוריק צושטעלן זייערע פארלוסטן, שטארקט זיך אויך אונדזער פאלק אין דער גארער וועלט צוריק צושטעלן אויף די פיס זיין קולטור און לשון, וואס דער באנאגלטער פאשיסטישער שטיוול האט אזוי מערדעריש צעטראטן.

צוזאמען מיט די אלע פאלקס כוחות לייגן מיר צו אויך דא אין ארץ ישראל אן אקסל צום אויפבוי פון אונדזער אלעמענס געליבטן בנין, וואס הייסט - יידישע קולטור און שפראך.

„העפטן" שטרייכן אונטער, אז איר ציל איז נישט צו פראקלאמירן א שפראך-קאמף. אדראבא, זי דינט די אלע וועמען ס'איז ליב און טייער ביידע שפראכן.

„העפטן" האבן נישט קיין שום פארגעשריבענע רעצעפטן בנוגע ליטעראטור. יעדעס ווערק וועט ווערן אפגעשאצט לויט זיין אייגנארטיקייט און אמת ליטעראַרישן ווערט.

„העפטן" לאדנט איין אלע יידישע שרייבער פון לאנד ארייַנצושיקן זייערע ליטעראַרישע ווערק.

די רעדאקציע בעט אויך אלע פריינט פון יידישן ווארט צו אבאנירן און צו שטיצן אונדזער זשורנאל.

די רעדאקציע.

אדרעס פאר בריוו:
חיפה, ת.ד. 2171
א ר ץ - י ש ר א ל

נדפס בדפוס יהודה מסינגר, חיפה,
רחוב סטאנטון מס' 23, ארץ-ישראל.

**ה ע פ ט ן**

**פאר ליטעראטור און קריטיק**

**חיפה — מערץ — 1946**

**אליעזר ווארצל**

# וועגן א צווייטן תנ"ך

די מעשה איז די וואס אין א בוך איז אלץ פאראנען
נאר ווער קאן גיין מיט ווערטער קאראוואנען
בארוועס, הונגעריג און מיד.
(„באמבולי" לירישע פאעמע פון וואלף יונין)

די גרויזאמע פארניכטונג פון א דריטל פון יידישן פאלק מיט איר ברויזנדיקן קולטור צענטער — פוילן, האט ווי אויפגעוועקט די יידישע שרייבער און קולטור טוער אין אמעריקע, צו א המשך-ארבעט פאר דעם קיום פון דער יידישער קולטור. אבער פון דער צווייטער זייט, האט זי אויך אריינגעבראכט א צערודערונג און א יאוש שטימונג ביי א טייל פון יידישע שרייבער אין אמעריקע. שוין יארן ווי דארט ווערט אנגעפירט א פארצווייפלטער קאמף פאר אנטלויפן, פאר צוריק צום געטא, צוריק צום בית-המדרש. לעצטנס האט זיך דארט צעפלאקערט א פאלעמיק וועגן שאפן א נייעם תנ"ך און פאקטיש איז דאס נישט מער ווי דער ווייטערדיקער המשך פון דער צערודערונג און יאוש-שטימונג.

אמת, דער תנ"ך האט געפעסטיקט דאס יידישע פאלק אין זיין טראגישן גורל אין משך פון אלע זיינע דורות. ער איז געווען דער איינציקער נאציאנאלער קוואל און מקור פון וועלכן דאס פאלק האט געשעפט זיינע גייסטיקע כוחות און די יידישע מאסן האבן אין צייט פון צער און ווייטאק, באקומען טרייסט און האפנונג.

דער ספר איוב און תהילים, האט אפגעווישט די אויגן פון טרערן און געקילט דאס הארץ פון ווייטאקדיקן צארן.

אין יענע תקופות, פון געטאס און בתי-מדרשים, איז דער תנ"ך געווען דער וויכטיקסטער גורם אין דעם גייסטיקן פורעם פון יידישען לעבן.

דער 18-טער און 19-טער יאהרהונדערט, האט אבער צעשמעטערט די מויערן פון די יידישע געטאס און צו דער ליכטיגער זון ארויסגעשלעפט די פארדביקותדיקע ישיבה-בחורים פון די בתי מדרשים.

פון די טונקעלע קעלער און בוידעם שטיבלעך איז אויפגעגאנגען די יידישע שפראך. די שניידערס, שוסטערס, דינסטמיידלעך און בעל-עגלות, האבן זי געבראכט אין דער יידישער גאס און דארט זי איבערגעלאסט א נאקעטע, א הונגעריקע און א קראנקע. האט זי געפונען מענדעלע, שלום עליכם, פרץ און אנדערע, געגעבן איר א לבוש, די געהיילט, געקרעפטיקט און געפוצט. איז יידיש אויפגעגאנגען מיט צאפל און מיט שעפערישע כוחות אויף אלע וועגן פון יידישן לעבן און געווארן א נאציאנאלער, קולטורעלער גורם אין דעם נייעם יידישן פאלקס-לעבן.

אין יידיש איז אויך אויסגעפורמט געווארן דער סאציאלער, נאציאנאלער קאמף פון די יידישע מאסן, פאר זייערע רעכט און באפרייאונג. אזוי ארום האט די יידי[illegible] קולטור פארנומען דעם פלאץ פון דעם לאנג-

דו[illegible] אלס דער צעמענט, וואס באַ[illegible]רותדיי. עם יידיש=נאַציאנאַלן און קולט[illegible]ין.

צוריק צום געטא, צוריק צום בית=המדרש: הייסט אפשטעלן די רעדער פון דער געשיכטע, הייסט צוריק קערן זיך צו די שוין פארברענטע בריקן, וואס פון זיי איז פארבליבן בלויז דער תהום. דאס יידישע פאלק מוז נאך איר גרויזאמע קאטאסטראפע זיך אויפהייבן און גיין ווייטער ווי ס'האט אים פארצייכנט דער גורל אין דער געשיכטע. נישט איזאלירט אליין, נאר צוזאמען מיט אלע ליב=פרייהייטלעכע פעלקער און ווייטער שפינען דעם נאציאנאלן געוועב, פאר איר קולטור און באפרייאונג. דערביער איז קיין וועג מער פאראנען צוריק צום געטא, צוריק צום בית=המדרש, ווי אויך נישט פאר א צווייטן תנ"ך.

טוביה דער מילכיקער מיט זיין בטחון קאן אונדז היינט מער געבן, ווי א נייער איכה אדער איוב. און צו וואס איבערהויבט נייע תנ"כן? ווי זאגט דער דיכטער יונין; „ווער קאן גיין מיט ווערטער קאראוואנען בארוועס, הונגעריג און מיד". דארף דען דאס יידישע פאלק היינט ווערטר נייע? תנ"כן נייע? ניין!

יידישע שרייבער פון אמעריקע גיט אונדז נישט קיין נייע תנ"כן! פלאנצט בעסער א פרוכטבארן סאד, פאר מאטל פייסי דעם חזן'ס, ער זאל נישט דארפן גנבענען עפל אין פרעמדע סעדער, צו דערפרישן זיין הארץ און זיין הונגעריקן מאגן. קעמפט אויס רעכט אויף ארבייט פאר מנחם מנדל, ער זאל נישט דארפן ארומיאגן זיך א הונגעריקער אויף אלע קרייץ=וועגן פון דער וועלט, מיט פאנטאסטישע חלומות. זעט בעסער אז אונדזער אלעמענס געליבטער טוביה זאל אויסרוען זיינע אלטע, מידע ביינער. גענוג שוין געהארוועט גענוג ארומגעפארן אין די בויבריקעס פון דער וועלט מיט מילך און קעז פאר די גבירים. זעט בעסער אז די באנטשע שווייקס זאלן ענדלעך אונהייבן ריידן און נעמען דאס וואס קומט זיי, אויסער א בולקע מיט פוטער. זאל דער יידישער דאן קיכאט „מסעות בנימין השלישי" מיט זיין סאנטשאפאנטשא „סענדערל" נישט בויען קיין ווינטמילן נאר שפאנען מיט זיכערן טראט אויף פעסטן באדן.

נייע תנ"כן דארף דאס יידישע פאלק נישט! און וואס עס דארף יא: אויפגיין אין קאמף פאר איינהייט אויב עס וויל ווייטער ממשך זיין דעם קיום, און היסטאריש מוז עס ממשיך זיין! דעריבער דארף געבויט ווערן א בריק, וואס זאל צוזאמענקניפן און גייסטיק פאראייניקן נאכן חורבן פוילן, די דריי גרויסע יידישע צענטערן: סאוויעטן פארבאנט, אמעריקע און ארץ ישראל.

דעם גרעסטן טייל יידנטום איז געווען פרעמד דאס קולטורעלע לעבן פון די סאוויעטישע יידן. עס האט געשיינט פאר אונדז צו זיין פארמאכט, ווי אויף זיבן שלעסער. דער לעצטער וועלט קריג האט צוזאמען מיט אנדערע סאוויעטישע פעלקער, נאציאנאל אויסגעהאמערט און געפעסטיקט אויך דאס סאוויעטישע יידנטום. גייט היינט דארט אויף א שפערישער נאציאנאלער כוח, אין דארטיקן יידנטום און שטראַקט אויס א ווארעמע האנט פאר איניקייט, צו אלע יידישע ישובים אין דער וועלט.

נאך דעם חורבן פוילן האט דער גרעטסער יידישער ישוב — אמעריקע, ווי אויפגעוואכט פון שלאף און דערפילט די אהריות פאר א ווייטערדיקן המשך פון דער יידישער קולטור. גייט אויך דארטן לאנגזאם אבער פעסט היינט אויף, א יידישער אויפבלי. נאר דעמלאט וועט דער אויפבלי גאנץ און פעסט זיין אויב ער וועט ווארם אננעמען די אויסגעשטרעקטע האנט, פון סאוויעטישן יידענטום



מאַטל מרגלית

* * *

ווי קינדער פארחלומט, ווי קינדער פארבענקטע
נאך פלאמיקע הימלען, נאך בלענדנדע שטראלן;
פארמירן מיר געטער צו וועלכע מיר בעטען —
נישט קענענדיק ריידן, נישט וועלנדיק שווייגן.

פארבלאנדזעט אין ווירוואר פון ווייטע געראוישן,
ווי אדלערס געפענטעט אין אייזערנע שטייגן;
מיר טרוימען אין פינצטער פון פרייהייט און פליגל,
נישט קענענדיק פליען, נישט וועלנדיק פאלן.

פאראורטיילט צום זיג אינעם אומרו פון וועלטן,
אין ווירבל פון האס, אין פייער און בלוט,
פראבירן מיר אוראלטע קייטן צו רייסן,
נישט קענענדיק לעבן, נישט וועלנדיק שטארבען.

אויך אין ארץ=ישראל בליט א צענטער, הגם מיט העברעאישער שפראך און מיט אן אייגנארטיקע קולטור, וואס פירט צו איזאלירטקייט און מיט שנאה צו „יידיש", און האס צום „דארט", דאך נאציאנאל פון איין שטאם מיט בלוט און פלייש אינ'ם פאלק. וועט אויך די ארבייט דא נישט זיין גאנץ, און שפעריש, אויב זי וועט נישט דריקן ברידערלעך די ווארעמע האנט פון סאוויעטישן יידנטום און אויב זי וועט ווארעם נישט אויפנעמען דעם יידישן אויפגיין אין אמעריקע.

עס מוז אויפגעשעלט ווערן א בריק איבערן תהום צווישן די דריי יידישע צענטערן און דאס דארף דאס יידישע פאלק היינט און נישט קיין תנ"כן. קודם=כל נויטיקן מיר זיך היינט אין איניקייט ווייל די בעסטיע — פאשיזם האט גרויזאם דערמארדעט א דריטל פון אונזער פאלק. איניקייט דארפן מיר אויך האבן נישט בלויז אויף צעמענטירן די יידישע קולטור, נאר אויף צוגעשטאלטן אויך נאציאנאל און סאציאל דאס גאנצע יידישע פאלק. ווייל עס איז „שווער צו גיין מיט ווערטער קאראוואנען בארוועס, הונגעריק און מיד".

שלמה שיינהויט

# דאס שטעטל

(פראגמענט פון בוך: „מיין חורבה היים")

נעכטן ערשט ווען כ'האב א טראכט געטאן: היים,
פלעג מיר קלאר פאר די אויגן דאס שטעטעלע שטיין.
מיין שטעטעלע – היים, רופן דיך גלות, צי נויט?...
דיין טעם כ'פארגעס נישט ווי דאס היימישע ברויט,
דאס ברויט, וואס פארשמעקט האט, אלט=געבאקן צי פריש,
מיט ריחות פון פעלדער דעם ארימען טיש.
די פעלדער – דאס רייכטום, דער בלי און דער גלי,
אויך די צרות, די דאגות, די טאג=טעגליכע מי
איך זע אזוי קלאר גלייך עס טיילט אונדז נישט צייט,
גלייך איך זאל נישט האבן אוועק אין דער ווייט.
אזוי=א, נישט געענדערט, אויף א האר, אין די יארן.
דייטליך און קלאר לעבסטו מיר אין זכרון.
כאטש פארשידענע ווינטן האבן דיך לעצטנס געריסן:
דא ברוינע, דאָ שווארצע... כ'האב מורא צו וויסן,
וואס געשען איז מיט דיר דארט, מיט מיין היימיש געזינדל,
ווער ס'לעבט נאך, ווער טויט איז... ס'כאפט אן מיך א שווינדל
און דאס ליכטיקע בילד – היים, נעמט פאמעלעך פארגיין,
בלויז חורבות אויף חורבות פאר די אויגן מיר שטיין,
און א ספק צי פארבליבן איז דער הימל, די זון
און דער גאלדענער שימער פון פעלדער ארום...
אבער נעכטן ערשט, ווען כ'האב א טראכט געטון; היים,
פלעג קלאר פאר מיינע אויגן מיין שטעטעלע שטיין.

---

די היים מיינע, ס'שטעטל, צעשפרייט און צעשאטן,
ליגט ארום מארק, ווי מיט צירקל געמאסטן.
אין מיטן דאס גראז – גרינער פלוש אויסגעשפרייט,
מיט געננז אין די סטאדעס, מיט גאנער, געשריי.
אט נעמען זיי פאטשן די לופט מיט די פליגל:
אוואדע דער דראנג זיך צו הייבן אין הייך:
צו הימל, צו בלויען, צו ברעגעס פון טייך.
כאטש נעם זיי און זאג: ס'איז ליבער און גלייכער
אין זאפטיקע גראזן פארנורן די שנאבלען,
אז שווער ציט צו ד'ערד זיי דאס שמאלץ פון די בייכער...

די הייזלעך, מיט ווייסן געקאלעכט פון דרויסן,
מיט הילצערנע גאנעקעס פון פארנט באצירט,
מיט העל=געלן ליים די פריזבעס געשמירט.
געשטאנען די הייזלעך אין פרילינג צעגרינט,
מיט צעפראלטע פענסטער און טירן צום ווינט,



צו אלע די ווינטלעך, וואס פלעגן אנברענגען
די ריחות פון באנייטער ערד, אין די מענגען.
און זומער, אין טיפן, ווען ס'רייפט זיך די וועלט,
האבן שטיבער מיט הייסער זון זיך צעהעלט.
און אין אסיען, אין טריבן – פארכמורעט און גרוי.
און אין ווינטער, פאר קעלט, געהילט זיך אין שטרוי.

דא, אין דעם מארק, ווי האסטיק דער מסחר,
פון קארן און ווייץ, פון האבער און אייער,
וואס פויערים, זיי ברענגען פון דערפער דערנעבן
(מען דארף דאך פרנסה, מע דארף דאך אויך לעבן!)
געוועלבלעך דא שטייען ארום אן א שיעור,
פון אייזן און לעדער, פון שניט און פאפיר.
און שענקלעך מיט גויים, געפאקט אין יריד,
וואס כאפן א עס און א טרונק ביי דעם ייד.
פארשידן גייט אן און פילפארביק דער האנדל;
ווער ס'האט צום מארק א שועל בלויז פארמאגט,
צוויי פאטקאוועס געגאגלט – און ס'איז א געוועלבל.
ווער ס'האט מיט פערד און בהמות געהאנדלט
און ווער ס'האט פון דארף געטריבן א קעלבל.
און פעלן, פעלט אויך נישט לופט=מענטש און וווכערס,
א שפור ביסל זענען פאראנען בעלי=מלאכות;
שוסטער און שניידער, סטאלער און שמיד,
אפגעזאגט האט זיך אויך פון דעם נישט דער ייד.
און פאראנען אין שטעטל אויך יידן בעלי=בתים,
באזיצער פון פעלדער און לאנקעס לרוב,
פארפאכטן צו גויים, וואס האבן באארבייט
און באקומען דעם לוין ווי אזוי מען שמועסט אפ.
אויך א פאלווארק, א פריציש, פאראנען, א רייכס
מיט פעלדיק פארמעגן ארום שטעטל צעשפרייט,
און יידן, ווי ערלעך פארוואלטן אין אים...
אויפן וועג צו דער באן הויך אויף א בערגל
הייבט זיך מיט שטאלץ דער פריצישער הויף
מיט יאדלעס און שפילקעס, מיט בעזן און גרינוואַרג,
געוויקלט אין גאנצן אין איין גרינער פלאכטע –
עס דוכט זיך ס'הויכט נאך דער גייסט פון דער שליאכטע...
פאראנען איז אויך א שפור ביסל כלי=קודש;
דער רב, די שוחטים, דער שמש און בעדער,
פארגעסן כ'האב צו געבן: פאכטער פון סעדער.
און נויט, איבער אלץ! און ארימע לייט,
אלמנות, געפאלענע, נישט זינדיקן מיט די רייד,
קוים קארג איז די אייגענע צרות און לייד,
קומען נאך פרעמדע קבצנים פון ווייט . .

---

**יצחק גרובער**

# אין שאטן פון מאראנצן־ביימער

(רעפארטאזש)

ווייט און ברייט ציט זיך די מאראנצן-פלאנטאציע. ווער עס שטייט ביים עק פון סאד, ווו די הויכע שפיציקע ברושים שפארן זיך צום הימל און צייכנען אן די גרעניצן פון דעם פארמעגן, וועט זען ווי רייען-ווייס ציען זיך די מאראנצן-ביימר געדיכט און פלעכטן זיך צוזאמען אין איין גרויסן קלאמפ פון גרינע צווייגן און בלעטער.

די גאנצע פלאנטאציע באדט זיך אין גליענדיקן גאלד פון דער זון און ס׳דוכט זיך אז די צעוואקסענע און צעשויבערטע קרוינען שמייכלען מיט לעבן, מיט פרישקייט און מיט דערווארטונג אויף דער פרוכט, וועלכע זיי וועלן אויף זיך אויסטראגן.

וועמען עס אינטערעסירט נישט נאר די מאלערישע זייט פון דעם בילד נאר וויל אויך דערקענען דאס ווירקלעכע, דאס אמתע גייט אריין צווישן די ביימער. דא הערשט נישט די זון. א גרויסע טונקלקייט נעמט ארום דעם מענטש און א פארנע לופט מאכט דאס אטעמען שווער.

די ביימער זענען אלט, צעצווייגט, שטארק פארפלאכטן איינס אין אנדערן און קוים, וואס עס גנבעט זיך דורך א שטראל. זיי זענען נידריק און זייערע גרינע ארעם, וואס דערגרייכן באלד די ערד זעען אויס ווי זיי וואלטן זי בארירט איבערצוגעבן איר מיט א צערטלעכן גלעט דעם סוד פון ליבע צו מאמע-נאטור פארן לעבן...

ארום די ביימער זענען פאראנען רינגען פון ערד, צוזאמענגעשאטן דורך מענטשלעכע פראצע. ארום די רינגען, וואס דארפן היטן די ביימער כדי די ווארצלען זאלן נישט פארווייקט ווערן דירעקט פון דעם וואסער, זענען געמאכט פירעקיקע גריבער אין וועלכע דאס וואסער קומט אריין בשעת מען באוועסערט די פלאנטאציע.

איצט אבער איז נישט די צייט פון באוועסערן די גריבער, זענען די ערד-רינגען פארוואקסן מיט הויכע ווילדע גראזן און אויך מיט „אינדזשיל" — א סארט גראז, וואס לעבט פאראזיטיש אויפן ביימס חשבון.

אט הערט זיך דאס מעטאלענע קלינגען פון טוריות, כלים צו דער ארבייט, וואס זענען ענלעך צו מאטיקעס נאר ביים שפיץ פארענדיקט ברייט און שארף.

אט די כלי איז פארבאטן אין אלע קולטורעלע לענדער, בלויז דא, אין דעם לאנד איז דער „אינסטרומענט" דערלויבט, אוואדע צוליב דעם, אז דער ארבייטער זאל קענען ארויסגעבן וואס מערער ארבייט.

און ס׳קלינגען די טוריות. ווי פידלען, אין דער לופט. די. ארבייטער טוען זיי פלינק א הויב אין דער לופט און א לאז אראפ מיט א קלאפ אויף די גראזן און זיי לייגן זיך — קרבנות פון מענטשלעכן פלייס.

און ווייל די ביימער זענען נידריק, בייגן זיך די ארבייטער אין דרייען און פירן ריטמיש די דאזיקע באוועגונגן ארויף און א ראפ. אלע גייען אזוי אין איין פראנט-ליניע און — יאגן. זייערע הענט שפילן און זייערע קערפערס ווי אין א געיעג; איינער וויל דעם צווייטן דערגרייכן, איינער וויל דעם צווייטן אריבעריאגן און אלע צוזאמען פאראויס... פאראויס... די מענטשן-רייע בייגט זיך, ברעכט זיך און ס׳ווערט פון זיי זיגזאגן און דער שווייס רינט און רינט... אלץ וועגן דערהאלטן זיך אויפן ארבייטס-פלאץ.

מענדל איז א קליינוואקסיקער און שוואכער, זיין אדלער-נאז שלאגט זיך שארף אפ פון די איינגעפאלענע באקן. ער האקט אויך מיט דעם מערדערישן „אינסטרומענט" און קראצט די גראזן. באטויבט כמעט פון דעם קלאפן לויפט ער אויך ווי עפעס אויף א יריד ווו



אלע איילן זיך אפצוכאפן זייערס. אויך אין אים איז דא דער ווילן צו זיין דער ערשטער אבער די ארעמס זיינע ווערן געשוואלן, פארחלשט און קראפטלאז. דאס הארץ, נישט נאר עס קלאפט נאר עס פויקט אין אים און אין וועזן א געמיש פון ווילן, שוואכקייט און פארצווייפלונג. ער זעט, אט פארלירט ער זיך. זיי זענען אוועק שוין ווייטער, ער איז דער לעצטער. ער קען נישט מער. בלייבט ער שטיין, די טוריה פאלט אים פון האנט און ער פילט עס נישט, פאר אים שפילן די שטאלערנע מעלאדיעס אלץ שטילער און שטילער... און עפעס מאדנע געפילן באהערשן אים; געפילן פון ליידן, פון פיין און זעלבסטפאראכטונג.

דריי וואכן האט מענדל נישט געארבייט. דריי וואכן! נישט דערגעסן, די גאנצע טעג געלעגן אויפן געלעגער און געשלאפן, פארשלאפן די צייט! אפנארן דעם מאגן! פארשלעפערן דעם הונגער!... געלעגן אזוי און זיך פארטראכט איבער דעם ווערט פון זיין לעבן, און צי ס׳איז בכלל ווערט צו לעבן אזא לעבן. ווער ווייסט, ווי ווייט ער וואלט געווען פארקראכן מיט אזעלכע געדאנקען ווען נישט די גרינע בלעטער-אויגן און צווייגן-הענט וועלכע האבן דורכן אפענעם פענסטער צו אים אריינגעווונקען, ווען נישט דער פריילעכער צוויטשער פון די פייגעלעך, וועלכע האבן אין אים ווי אנגעגאסן נייעם כוח צום לעבן, צו האפנונג אויף א בעסערע צייט — אויף ארבייט...

מיט אמאל האט ער ווי אויפגעציטערט, ווי א ריזיקער מאגנעטישער כוח וואלט מיט אים א ווארף געטאן און אים צוריקגעבראכט צום ר ע א ל ן ד ע נ ק ע ן. אינסטינקטיוו האט ער זיך אומגעדרייט און דערזען דעם פרדסן שטיין צווישן צוויי רייען ביימער, האלטנדיק זיין פערד, א שיינער קאשטאן, ביי די לייצן. זיינע אויגן, וואס האבן געלויכטן פון דערווייטנס ווי פאספאר, קוקן אויף אים שטרענג ווילד, פול מיט שלעכטן אויסדרוק.

מענדל האט זיך דערשראקן. זייער דערשראקן, ווי איינער ווען מען כאפט אים ביי א שלעכטער טאט. ערשט נעכטן אין אוונט באקומען ארבייט, שטייענדיק טאג-טאג אין ריי ביי דער הסתדרות, האבן צעבליט אין אים אלע די האפנונגען, וועלכע יעדער ארבייטסלאזער מאלט זיי אין די שענסטע פארבן. איצט האט זיך דאס אלץ צערונען ווי אין מיראזשן: ער וועט שוין מער ווי דעם טאג נישט ארבייטן?

כאפט ער די טוריה, וואס איז געלעגן ביי זיינע פיס אויף דער ערד און אנגעהויבן מיט אימפעט צו קראצן די גראזן פון צווישן די ביימער...

ווען די זון האט זיך א שיף געטאן צום מעריב און דער טאג האט זיך גענענטערט שוין צום סוף און די ארבייטער האבן שוין געגרייט זיך צו פערלאזן די פלאנטאציע האבן זיי פלוצים דערזען, מענדלען נאך שטיין ווייט, ווייט פון זיי. צו מענדלס אויערן זענען דערגאנגען קלאנגען פון א ויכוח און באלד האבן זיך אנגעהויבן צו שארן די ארבייטער: איינער, צוויי... דריי... און מערער, מיט פארהארעוועטע פארשוויצטע פנימער.

— נישט אויסגעהאלטן? — האט אים א געזונטער בחור מיט א פאר פעסטע הענט א פרעג געטאן. מענדל האט נישט געענטפערט. אין הארצן האט עפעס ווי געטאן אין געקלעמט.

מיט אמאל האבן זיך די ארבייטער צעשאטן און דער ריי און א יעדערער פון זיי האט גענומען האקן א גראב. אזוי, אין פארלויף פון מענוטן איז מענדלס ליניע פארטיק געווארן.

דערווייל האט שוין געקלונגען פיר א זייגער, לאנגזאם זענען געגאנגען די ארבייטער אין ד ע ר ר י כ ט ו נ ג אווו ס׳שטייט דער הילצערנער באראק פאר די כלים. מענדל איז אויך געגאנגען מיט זיי.

— די טוריה נעם-מיט מיט דיר! — ווענדעט זיך צו מענדלען מיט א באפעלערישן טאן ד ע ר פ ר ד ס ן, שטייענדיק פאר אים מיט אויסגעפרעסענע באקן

**יהושע אלפעראוויטש**

# טראג מיך שיפל...

טראג מיך שיפל צו׳ן א ברעג,
פון דעם וועג — נישט פארקרים.
בלאז מיר ווינטל אין מיין זעגל,
איבער אפגרונט איצט איך שווים...

צו׳ן א לאנקע, צו׳ן א וועלדל.
אוו א שטיבעלע דערביי;
צו׳ן אן אייגן גרינעם פעלדל
טראג מיך שיפעלע געטריי,

וו מיין חלום זאל זיך וועבן
אין דעם שויס פון גארטן מייו;
און מיין שטילע תפילה שוועבן
וועט אין דעם פרימארגן-שיין.

און דערנאך זאל הילכיק קלינגען
דאס געזאנג פון פויגל, פריי.
און מיט מיר זאל אלעס זינגען
פון א לעבן פריש און ניי.

טראג-זשע שיפל מיך וואס גיכער.
פון דעם וועג — נישט פארקרים.
און דו ווינטל. בלאז אין זעגל!
איבער אפגרונט איצט איך שווים...

---

און אנגעטון אין רייטשטיוול האלטנדיק א קליין בייטשל שפילנדיק זיך מיט אים.

— מארגן קומסטו נישט צו דער אר-רבייט. פוילענצערס באדארף איך נישט! — ער האט זיך אומגעקוקט באטראכטנדיק זיינע ארבייטער. אלע האבן געשוויגן האל-טנדיק אראפגעלאזט די קעפ.

מענדל האט א ווײלע באטראכט דעם אייגנטימער קוקנדיק אויף זיין אויסגע-רוטע געשטאלט. כאטש ער איז געווען שוואך און דערשלאגן פון דער שווערער הארעוואניע, האט זיך אין אים דאס בלוט צעקאכט:

— פאראזיט! — האט ער אויסגעשריגן, שוין צייט א טראכט טאן ווער עס פוי-לענצט! פוילנצערס באדארף מען טאקע נישט!...

איצט האט זיך מענדל ארומגעקוקט און דערזען א צופרידענעם שמייכל אויף די פנימער פון די ארבייטער. פארלייגט די טוריה אויפן אקסל און מיט א געפיל פון דערלייכטערונג איז ער ארויס פון פרדס. נאך אים די שווייגנדיקע ארבייטער.



**יאסל גראסבארד**

# א גרוס דיר בערגלסאן פון שטעטל *)

דאס דאזיקע ליד האט אונדז דער דיכטער י. גראסבארד צוגעשיקט אין יאר 1939. שוין דעמאלט האט דער דיכטער פארגעפילט דעם גרויסן חורבן, וואס רוקט זיך אן אויף די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, ווו ס׳טרעפט: „אז אינדערפרי שטעלט זיך דא די נאכט“.

י. גראסבארד האט אונדז דאן געשריבן, אז „דאס דאזיקע ליד איז אן אנ-הויב פון א ציקל לידער א. נ. „א גרוס דיר בערגלסאן פון שטעטל““, וואס איך שיק אייך די טעג ארויס״. מיר האבן געווארט אויף די ווייטערדיקע לידער. דערווייל האט די מלחמה אויסגעבראכן און פארוויסטיקט דאס יידישע לעבן אין פוילן. פון י. גראסבארד האבן מיר נישט נאר קיין לידער מיט באקומען, נאר אפילו קיין שום ידיעה און צייכן פון זיין לעבן.

ווו געפינט זיך ערגעץ דער ליבער טרויעריקער דיכטער גראסבארד, וואס האט אין יאר 1939 געגלויבט, אז „ס׳וועלן ווונדער נאך געשען״?...

מיט ווערטער פון מיין גראען געמיט
איך שרייב א בריוו דיר אין א ליד.
א, ווינטן! טראגט מיינע גריסן אין דער ווייט —
פון מיין שטעטל, אלץ דערציילט.

דער זומער איז מיט די לעצטע פייגל שוין אוועקגעפלויגן
די טעג — האבן זיך מיט גראקייט אנגעזויגן
איינגעטוליעט האט דער ישוב זיך צוזאמען
ארומגענומען, ווי קינדער מיט א מאמען.

טריבער הארבסט איז איצטער דא
דער הימל א געלאטעטער — גרא אויף גרא.
[illegible]ילע, נאקעטע שפיגלען זיך די וועגן
אין לוזשעס, בלאטעס און אין רעגן.

בייזע ווינטן האבן זיך צעשטורעמט
און צעהירזשעט ווי די פערד
און ווילן הונדערט-יאריקעביימער אויסרייסן פון דאנעט
טיף פארווארצלטע אין דער ערד.

---

*) איבערגעדרוקט פון ארגענטינער „דער שפיגעל“. א געניוערער אפהאנדלונג וועגן דיכטער אין קומענדיקן נומער.

מיט צעהויקערטע געסלעך קריכט דער אומעט מיט
און בלייבט ביים סוף פון געסלעך שטיין
און פוסט און פאסט ער שפאנט צוריק
ווו האט ער ווייטער דען צו גיין?...

דער מארק — א זקן א צעקנאדעטער אין קעלט
אמאל געראלעוועט – איצט אן אויסגעשפילטער העלד
ביי א טישל, א קיישל פרירט א יידענע, א ייד
און אונטער זיי די שטיינער ווערן אפט אין רויט צעגליט.

דאס וואקזאלעכל — א גלייכגילטיקער שטיק מויער
זינקט און דרימלט אין זיין שטיינעריקן טרויער.
צוגן קומען און לויפן גיך אוועק
און טשאד און רויך פארוויגן שטיל דעם וועג.

אין גבירישע הייזער שפילט דער ראדיא הויך קאנצערטן
און אויך פריילעכע היינטצייטיקע מוזיק.
און גרינע פאפוגעס ציען אלץ נאך פון קאנווערטן
ביי קאטארינטשיקעס — ארויס דאס בלאע גליק.

יורדים זיינען מער פאראן ווי פריער
שרעק און לויער — וואכט ביי יעדער טיר,
נישט נאר ביי ר׳ גדליהן זיינען די לאדנס פארקלאפט
ס׳טרעפט: אז אינדערפרי שטעלט זיך דא די נאכט.

– – – – – – – – – – – – – – –

א, גרויסער דיכטער אין דער ווייט
פארגיב מיינע אומעטיקע רייד
מין הארץ, וואס פארצוויפלט איז קיינמאל נישט געווען
גלייבט — אז ס׳וועלן ווונדער נאך געשען!...



י. מאניק לעדערמאן

## חפצי־בה *)

(פון דער סעריע: „טריט אין באגינען")

ערשט פאריארן, ערשט ניט לאנג
האט דער שאקאל דא, אין וויסטע
פראנק=און=פריי ארומשפאצירט
און געטרוימט דא טרוימען זיסטע...

און ארום, אויף מיילן ווייט —
נישט קיין מענטש און נישט קיין בוימער.
ס׳האט געדוכט זיך, מען דערקענט
נאך די טריט דא פון די רוימער...

איצט — א שטעטל, א קאפע,
שיפלעך, קינדער אויף דער פלאזשע.
שטייסט און רייבסט די אויגן זיך:
צי דו זעסט נישט קיין מיראזשן?...

דאך נישט איינמאל — קלערסטו דיר —
ווי עס טרעפט מיט דיר דער כישוף:
לייגסט זיך שלאפן אין א וויסט
און שטייסט=אויף — א ישוב...

*) צווישן חדרה און קסריה, ביים ים.

י. גרינבערג

## די מומע זיסל

(דערציילונג)

נאפטאלין=ריח בייסט די נאז=לעכער, ליכטל צאנקט אין מעשענעם לייכטער און טאנצט מיט שאטן=געשטאלטן אויף די ווענט. אויף דער פאדלאגע — א ליילעך מיט א שטויס קליידער און וועש: קאפטלעך, ספודניצעס, קליידער זיידענע און פראסטע, בגדים מענערישע און קינדעריש אנטועכץ, ציכן, ציכלעך, העמדער, האנטוכער און נאך אנדערע ווייסווארג.

פון אנגעהויפטן שטויס קליידער און ווייסווארג קוקט ארויס א זיידן שווארץ קופקעלע. דאס קופקעלע מיט די ברייטע סאמעטענע בענדער באצירט, א סקעלעטארטיקן קאפ, וועלכער רוט פארשטארט אויף א פאר אויסגעדארטע הענט — די מומע זיסל. — מארגן מיטן שאריען מוז זי דאס אלעס פארלאזן.

— „מארגן באגינען" — די צוויי ווערטער קלאפן מיט טויזנטער העמערלעך אין איר גרויען, אלטן קאפ. מארגן באגינען

פאר די שיסערייען. — שיס גזלן! — טראכט די מומע — הרגע! וואס קענען אונדז שוין משטיינס־געזאגט דיינע קוילן עפעס טאן...

אויב גאט ברוך־הוא וועט וועלן, און ער וועט וועלן — ווייל מיר זענען דאך זיינע קינדער און וואס טוט דען נישט א טאטע פאר זיינע קינדער... — וועלן מיר צוריק לעבעדיק ווערן! און נישט נאר דאס, אויך קיין ארץ־הקדושה וועלן מיר אלע אנקומען... ווייל אט די גריבער, די שווארצע לאנגע גריבער, ווו דער רוצח וויל אונדז באגראבן, זענען גאר קיין גריבער נישט — נייערט די טוירן פון ארץ־ישראל...

— און קיין איין נעגעלע, קיין איין הערעלע וועט נישט פארלוירן גיין, וועט נישט בלייבן דא — נייערט מיר אלע מיט די קינדערלעך, מיט כל־ישראל, וועלן מיר זיך קייקלען און קײלערן דורך אט די גריבער, דורך ווונדערליכע אונטערערדישע היילן. — מיט זיין ליבן נאמענס ווילן — ביז מיר וועלן אנקומען אין הייליקן לאנד, אם ירצה השם...

און א שמייכל, א ליכטיקער, א נישט דאאיקער האט זיך צעשפילט אויף איר אויסגעפייניקט פנים... — מילא, נאך גוט וואס איך האב אנגעטאן דאס יום־טובדיקע קלייד מיטן שטערן־טיכל. אין ארץ־הקדושה וועט דאך אויך זיין מרדכילע, לייבל און די אבות...

— כ'זאל חס ושלום נישט פאשעמט בלייבן...

— — — — — — — — — — — — — —

פארטון אין אזעלכע מחשבות גייט די מומע זיסל פאראויס מיט אירע דריבנע טריטעלעך און ס'ארט איר מער גארנישט דער שטורעם פון שאסן און געשרייען און די השכמדיקע זונען־שטראלן צינדן אן די שטיינער פון איר שטערן־טיכל מיט אלע פארבן פון געזעגענע און נאך נישט געזע־ענע רעגנבויגנס...

נ א ט י צ ן.

## ח' זרובבל 60 יאר אלט.

היינטיקס יאר פייערט די גאנצע יידי־שע קולטור־וועלט דעם 60־סטן געבורטס־טאג פון ח' ז ר ו ב ב ל.

ח' זרובבל, דער אנערקענטער פירער פון די לינקע פועלי ציון איז איינער פון די אקטיווסטע קולטור־טוער אין דער וועלט. געווען לאנגע יארן וויצע־פארזי־צער פון דער צענטראלער יידישער שול־ארגאניזאציע אין פוילן. איצט, לאנג־יארי־קער רעדאקטאר פון „נייוועלט" אין ארץ־ישראל, פארפאסער פון אייניקע ווערק, פון וועלכע די מאנאגראפיע פון ב. בא־ראכאוון און אין „אנהייב" (דאס לעצטע ארויסגעגעבן אין ארץ־ישראל), זענען ווערטפולע וויסנשאפטלעכע ווערק, וועל־כע גיבן א היבשן צושטייער דער געשיכ־טע פון דער אלוועלטליכער יידישער אר־בייטער־באוועגונג און במילא דער אל־וועלטליכער יידישער־קולטור. ח' זרובבל האט באזוכט כמעט אלע יידישע ישובים אויף דער וועלט און אומעטום געוועקט צו אקטיוויטעט און אומעטום אריינגעגאסן ליכט און פרייד און איינגעפלאנצט די אידעען פון דער מאדערנער יידיש־וועלט־ליכער קולטור. אויף דעם געביט איז ח' זרובבל אנ'אוניקום, וואס ס'איז־נישטא קיין גלייכער צו אים. גראד איצט האט זיך זרובבל אומגעקערט פון א רייזע איבער אייראפע, ווו ער האט באזוכט כמעט אלע יידישע ישובים דארטן און זיי געמונטערט מיט זיין דערפרישנד ווארט.

ווי גרויס ס'איז דער אויפטו פון ח' זרובבלס לעצטן באזוך אין פוילן קען מען אויסדריקן מיט דעם באקאנטן פלי־גל־ווארט: כי מזרובבל לזרובבל לא קם כזרובבל.

מיר שיקן איבער אונזערע הארציקסטע ווונטשן דעם ח' זרובבל און ווינטשן אים אריכת ימים און דער עיקר, דערגרייכן דעם ציל, וואס מיר אלע האבן זיך געשטעלט — דעם זיג פון ליכט און פרייהייט איבער פינסטערניש און קנעכטשאפט, וואס הערשט היינט אויף דער וועלט.



# דער יידישער קולטור־קרייז אין חיפה

דער יידישער קולטור־קרייז, וועלכער האט זיך געגרינדעט ביי דער פועלי־ציון פארטיי אין חיפה, האט פאר די 3 יאר פון זיין עקזיסטענץ דורכגעפירט א גאנץ רייכע קולטורעלע טעטיקייט.

די צאלרייכע רעפעראטן, לעבעדיקע ציימונגען־און רעצעטיר־אוונטן האבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זייער ערנסטן כאראקטער און גוטן באזוך.

אין אירע אונטערנעמונגען האבן אנטייל גענומען די ח"ח: זרובבל, שמעוני, פאפיערני־קאוו, ליס א. א. ווי אויך די ארטיקע דיכטער ח"ח: שיינהויט, גרינבערג, לעדערמאן א. א. אין קינסטלערישן טייל די ח"ח: צבי (פון יגור), א. גרין, חנה א. א.

דער קרייז האט געזאמלט ארום זיך א גאנץ היבשן עולם פון דורשטיקע נאך א יידיש ווארט, אזוי ארום געווארן די אדרעס פאר יידיש אין חיפה און זיינע חברים זענען די געטרייע פארשפרייטער פון יידישן ליטעראַרישן שאפן.

די קליינע מיטלען, מיט וועלכע עס דיספאנירט דער קרייז, קענען געוויס זיין פאר א ברייטע פארצווייגטע ארבייט נאר מיט דער מיטהילף און אקטיוויטעט פון אלע פריינד פון יידישן ווארט אין חיפה.

## באמערקונג פון רעדאקציע

צוליב טעכנישע שוועריקייטן, זענען אריינגעפאלן אייניקע פארדריסלעכע פעלערן, פאר וועלכע מיר בעטן אנטשולדיקונג.

בית דפוס, חיפה, רח' סטנטון 23

מקבל כל מיני
הזמנות דפוס
במחירים נוחים

לטובתכם!
אל תמסרו שום
עבודות טרם
שאלתם אצלנו
מ ח י ר!

## קפה „ג׳ינת=אור״

חיפה, רחוב חיים פינת הרצל

איז אפן אין משך פון אלע שעה׳ן פון טאג

פאר אלע ליבהאבער פון יידישן ווארט.

---

בית־חרושת למטות מודרניות

## „עתיד״

**חיפה, רחוב סירקין 10 - 8**

אנו מיצרים, ספות, מטות־ילדים

וכל מיני רהיטי פלדה

מחמרים חדשים כמלפני המלחמה

מבחר גדול מכל תוצרתנו:

קשוטי עץ, כרום וניקל

תעשית מזרונים ומרפדיה

מבחר בדים

תעשית רשת

אמריקאית

המכירה בסיטונות וליחידים.

---

## 8=טונג!!!

איך נעם אן באשטעלונגען

אויף חתונות און נשפים

**טארטן** און **האנט-ביסקוויטן**

צו צוגענגליכע באדינגונגן.

**שלמה קנובל**

חיפה, רח׳ השומר 30

---

